# פרשת תולדות כ"ו חשון– ג' כסלו תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת תולדות***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת מרת דרוממער ע"ה (אשת הר"ר **שאול דרוממער** הי"ו).

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קס"ב סעיף ג') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געשטאנען די השתלשלות פון די זיווג פון יצחק. עס שטייט אין די גמרא (סוטה ב.) קשה לזווגן כקריעת ים סוף. רש"י טייטשט, אז פארן אייבערשטען איז שווער א זיווג, אזוי ווי עס איז אים געווען שווער קריעת ים סוף. לגבי די פרנסה פון א מענטש איז אויך דא די זעלבע גמרא (פסחים קיח.), קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף. מען ווייסט אז ביים אייבערשטען איז גארנישט שווער. קריעת ים סוף איז נישט שווער, און פרנסה איז נישט שווער, און דער זיווג איז נישט שווער. וואס איז דער קשה לזווגן כקריעת ים סוף, און קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף.

**עס** איז דא א אינטערסאנטע מדרש אין פרשת חיי שרה (ב"ר נט-יב), בשעה שאדם הולך ליקח אשה, ווען איינער גייט חתונה האבן, און ער הערט ווי די הונט בילן אינדרויסן, זאל ער צולייגען זיין אויער, און הערן וואס די הונט בילען, און נאכדעם זאל ער גיין טוען דעם שידוך. עס איז נישטא אויפן פלאץ א פשט, וואס דאס מיינט אז ער זאל הערן וואס די הונט בילען, און נאכדעם זאל ער גיין טון דעם שידוך.

**מיין טאטע ז"ל** פלעגט נאכצוזאגן פון **רבי שלמה קלוגער זצ"ל** אויף דעם מדרש, אז ווען א מענטש דארף טון א שידוך, און ער דארף פרעגן אינפארמעישא"ן, פון ועם זאל ער פרעגן. זאל ער פרעגן א גוטן פריינד, וועט ער דאך זאגן גוטס. זאל ער פרעגן א שונא, וועט ער דאך זאגן נישט גוטס. וואס דארף מען טון ווען עס קומט צו א שידוך. האט ער אזוי געזאגט, אז מען זאל נישט פרעגן דעם גוטן פריינד, ווייל א גוטער פריינד וועט זאגן גוטס, ער וועט נישט רעדן קיין שלעכטס אויף זיין חבר. נאר מען זאל פרעגן דעם שונא. איי דער שונא וועט נישט זאגן גוטס. אבער ווי אזוי דער שונא זאגט דעם נישט גוטס, פון דארט קען מען וויסן צו עס איז אמת צו נישט. אויף א נדיב לב, אפילו ווען ער וועט רעדן אויף אים, וועט ער נישט קענען זאגן אז ער גיט נישט א פרוטה פאר צדקה, ער קען דאך נישט זאגן אזא גרויסן ליגענט. אבער ער וועט זאגן, מען רעדט פון זיין צדקה, עס איז נישט אזוי געפערליך זיין צדקה וואס ער גיט. דער שונא אפילו ווען ער רעדט, וועט ער נישט קענען ארויסברענגען דעם שלעכטס, נאר ער וועט עפעס מגרע זיין פון וואס ער איז, און לויט דעם קען מען זעהן מיט וועם מען האט צו טון. **ווען מען גייט טון א שידוך, און מען ווייסט נישט וועמען צו פרעגן, זאל מען הערן ווי אזוי די הונט בילן, וואס דער שונא זאגט, פון דעם וועט מען וויסן דעם אמת.**

*

**עס** קען אפשר זיין, אז דער פשט דערפון איז. איך האב געזען שטיין, אז עס איז אויסגערעכנט אין די תורה צוויי זיווגים. די זיווג פון יצחק, און די זיווג פון יעקב. די זיווג פון יצחק איז געגאנגען געשמירט, אליעזר איז ארויסגעגאנגען, און ער האט געהאט קפיצת הארץ, אין דעם זעלבן טאג איז ער אנגעקומען קיין חרן. עס איז געווען לעת ערב, נאנט צו די נאכט, און ער האט מתפלל געווען, הקרה נא לפני היום (בראשית כד-יב), זעה אז עס זאל שוין תיכף פאסירן. און תיכף טרם כלה לדבר, פאר ער האט נאך געענדיגט מתפלל זיין, והנה רבקה יוצאת. און די סימנים האבן געקלאפט, פונקט האט ער אנגעטראפן די נערה וואס עס איז יצחק'ס שידוך. און ער גייט אהיים צו זיי אין שטוב, און ווען בתואל וויל צוריקהאלטן דעם שידוך, האט אים דער מלאך געגעבן סם המות, און ער האט אים אוועקגעלייגט אין די זייט. אין איין טאג איז אפגעשפילט געווארן דער גאנצער שידוך.

**אבער** יעקב'ס שידוך איז געווען פול מיט פראבלעמען. דער פאטער שיקט אים אוועק, אז ער זאל גיין צו לבן אין שטוב, זוכען א שידוך. און ער גיט אים מיט א פעקל געלט, אז ער זאל האבן אויפן וועג, קומט אליפז און ער נעמט אים צו אלעס. און ער הייבט אויף די הענט, אשא עיני אל ההרים, מאין יבא עזרי (תהלים קכא-א), ער האט נישט וואס צו געבן, לא נזם אחד ולא צמיד אחד (ב"ר סח-ב). און ער קומט אריין צו לבן אין שטוב, און ער הייבט אן צו רעדן מיט אים וועגן א שידוך, זאגט ער אים, אויב דו וועסט ארבעטן זיבען יאר, וועסטו באקומען דעם שידוך, און ער נעמט אן צו ארבעטן זיבן יאר. און צום סוף פאפט ער אים אויס, און ער גיט אים לאה, און אויב דו וועסט ארבעטן נאך זיבען יאר וועסטו באקומען רחל. פארוואס איז דער שידוך פון יצחק געגאגען אזוי געשמירט, און דער שידוך פון יעקב איז געווען פול מיט שטרויכלונגען אויפן וועג.

**דער** חילוק איז. יצחק האט זיך אינגאנצען נישט געמישט אין זיין שידוך, ער האט עס איבערגעגעבן פאר זיין טאטע אברהם, זוך מיר א שידוך, און יצחק ווערט נישט דעמאנט אינעם גאנצן בילד, ער האט זיך פארלאזט אז דער טאטע וועט שוין טון וואס מען דארף צו טון. און אברהם שיקט אליעזר זוכען א שידוך, און אליעזר שטעלט זיך אוועק מתפלל זיין, ה' אלקי אדוני אברהם הקרה נא לפני היום, ער בעהט א תפלה אז מען זאל אים צושיקן די ריכטיגע. **ווען א מענטש מאכט נישט קיין אייגענע חשבונות, אויף אלעס פארלאזט ער זיך ווי אזוי מען פירט עס פון הימל, דעמאלטס איז דא סייעתא דשמיא, אלעס גייט ווי עס דארף צו זיין.**

**עס** איז דא א ווארט פונעם הייליגען **רוזינער זי"ע**, דוד המלך זאגט (תהלים יג-ב) עד אנה תסתיר את פניך ממני, עד אנא אשית עצות בנפשי. זאגט ער, עד אנה תסתיר את פניך ממני, ווילאנג טוט דער אייבערשטער מסתיר זיין, זיין פנים פונעם מענטש. ווילאנג איז דא א הסתרת פנים. עד אנה אשית עצות בנפשי, ביז ווילאנג דער מענטש מיינט אז ער קען זיך א עצה געבן, אזוי לאנג איז דא א הסתרת פנים. אז דו קענסט זיך א עצה געבן, אויב דו קענסט זיך פארשאפן וואס דו דארפסט, נו, פארשאף דיך אליין. דער אייבערשטער לאזט דיר, לאמיר זעהן וואס דו קענסט. אבער ווען דו וועסט זאגן, רבונו של עולם איך געב אויף, איך קען נישט, איך קען זיך נישט פירן אליין, דער אייבערשטער זאל עס פירן, דעמאלטס וועסטו מצליח זיין.

**יצחק'ס** שידוך איז אלעס געווען געפירט מן השמים, ער האט זיך פארלאזט אויפן אייבערשטען, מען האט געמאכט א סימן אז דער אייבערשטער זאל צופירן דעם שידוך, האט עס מצליח געווען. אבער ווען יעקב גייט ארויס צו טון א שידוך, שטייט אין פסוק (בראשית כט-יז) ועיני לאה רכות, און רש"י זאגט, ווייל זי האט געוויינט. פארוואס האט זי געוויינט. ווייל מען האט געזאגט, אז לבן האט צוויי טעכטער, הקטנה איז פארן קטן, און גדולה איז פארן גדול. **יעקב גייט ארויס רואיגעהייט, איך האב מיין שידוך, עס איז שוין גרייט, איך דארף נישט זוכען, איך גיי צו לבן אין שטוב, און דארט איז דא די קטנה וואס איז צוגעגרייט פאר מיר. איך בין געלונגען, איך בין א תלמיד חכם, איך האב יחוס, און איך האב א פעקל געלט מיט וואס איך גיי ארויס, עס פעלט מיר גארנישט, ביי מיר וועט גיין דער שידוך געשמירט. אויב דו פארלאזט זיך אויף דיר, אז דער שידוך וועט גיין געשמירט, קומט אליפז און ער נעמט צו דאס געלט. און ווען ער קומט צו לבן, זאגט ער אים, דו וועסט ארבעטן פאר מיר זיבן יאר, און נאך זיבן יאר. נאכדעם, וועסט זעהן אז מען דארף זיך פארלאזן אויפן אייבערשטען, און א מענטש טוט גארנישט.**

**קריעת** ים סוף איז אויך אזוי געווען. ביי קריעת ים סוף זענען יודען געווען אין א צרה, עס שטייט אין תרגום יונתן (שמות יד-יג) אז עס איז געווען פיר כתות ביי יודען, און יעדער האט געזאגט עפעס אנדערש. איינער האט געזאגט, נתנה ראש ונשובה מצרימה. איינער האט געזאגט, לאמיר מלחמה האלטן מיט זיי. איינער האט געזאגט, מען דארף זעהן מערבב צו זיין די מצרים, אז זיי זאלן נישט קענען פירן א מלחמה. עס איז געווען צרות. האט זיי משה רבינו געזאגט, אל תיראו, התיצבו וראו את ישועת ה' (שמות יד-יד), זוכטס נישט קיין עצות. מען דארף נישט צוריקגיין קיין מצרים, מען דארף נישט פירן א מלחמה, ה' ילחם לכם ואתם

תחרישון, פארלאזט ענק אויפן אייבערשטען. און ער האט אריינגעברענגט אזא אמונה אין יודען, אז יודען האבן אלעס אויפגעגעבן, און מען האט זיך פארלאזט אויפן אייבערשטען. אז דו פארלאזט זיך אויפן אייבערשטען, איז געווען קריעת ים סוף, דער ים האט זיך געשפאלטן, און מען איז אדורכגעגאנגען.

**קשה** לזווגן, ווען איז דער זיווג פון א מענטש שווער צו טרעפן, ווען ער איז אין אזא מצב ווי קריעת ים סוף. ווילאנג מען זוכט זיך עצות, אזוי ווי עס איז געווען ביי קריעת ים סוף, ער וועט גיין, און ער וועט טון אזוי און אזוי, ער וועט זיך א עצה געבן. אז דו וועסט זיך א עצה געבן, זאלסטו וויסען אז עס איז קשה לזווגן. פרנסתו של אדם, ווען א מענטש מיינט אז ער קען זיך אליין פארשאפן זיין פרנסה, און ער דארף נישט האבן די הילף פונעם אייבערשטען, דעמאלטס איז לא לחכמים לחם, ולא לנבונים עושר (קהלת ט-יא). עס האט נישט צוטון מיט חכמה, עס האט נישט צוטון מיט נבונות, מען איז נישט מצליח. קשה לזווגן, און קשה מזונותיו של אדם, ווען עס איז כקריעת ים סוף. ביז ווילאנג דו זוכסט אליין, און דו קענסט זיך אליין א עצה געבן, אזוי לאנג וועט עס זיין קשה. אבער ווען דו וועסט אויפהייבן די הענט, און דו וועסט זאגן רבונו של עולם, איך קען גארנישט אליין, דו קענסט אלעס, און ער גיט זיך איבער אין די הענט פונעם אייבערשטען, דעמאלטס וועט נישט זיין קשה.

**אלע** בעלי חיים זאגן שירה, און דער כלב זאגט אויך שירה. די שירה פונעם כלב איז, בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה' עושנו (תהלים צה-ו), לאמיר זיך בייגען און בוקען, און זיך מכניע זיין פארן אייבערשטען, וואס דער אייבערשטער האט אונז באשאפן, דאס איז די שירה וואס דער כלב זאגט. ווען א מענטש איז אין די מדריגה אז ער בייגט זיך פארן אייבערשטען, ער האט הכנעה, דער אייבערשטער פירט אלעס, און דער אייבערשטער וועט מיך פירן אויפן ריכטיגען וועג, דעמאלטס איז מען מצליח.

**בשעה** שאדם הולך ליקח אשה, ווען איינער גייט נעמען א אשה, און ער מיינט אסאך מאל אז ער וועט טון, און ער וועט טרעפן, און ער וועט קענען גרינג צוקומען, זאל ער הערן דעם קול וואס די כלבים זענען מנבחים, וואס זיי זאגען אין זייער שירה. ווען זיי בילען זאגען זיי, בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה' עושנו. אז דו וועסט זיך אזוי פירן, דו וועסט זיך מכניע זיין, און אלעס מקבל זיין. ווי אזוי דער אייבערשטער וועט דיך פירן, אזוי וועסטו טון, דעמאלטס וועסטו מצליח זיין. פאר מען גייט טון א שידוך, דארף מען הערן דעם קול פון די כלבים, זיך צו פארלאזן אויפן אייבערשטען. און אז מען פארלאזט זיך אויפן אייבערשטען, גייט אלעס געשמירט אזוי ווי די שידוך פון יצחק. און מען קומט צו, צו דעם וואס מען דארף צוקומען.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל דינער השנתי של כולל שומרי החומות, שהתקיים באולם עטרת חי'.

*

***<u>יום שלישי פרשת תולדות</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **משה אהרן זינגער** הי"ו (מאנסי).

*

***<u>יום רביעי פרשת תולדות</u>***

אחר שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **משה הערש פוקס** הי"ו (חתן הר"ר **יצחק יהודא ברוין** הי"ו), שהתקיים בבית המדרש תפארת אליעזר. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לבקר את הר"ר **גרשון פאגעל** הי"ו, והר"ר **מתתי' דייטש** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי להיכל **ישיבה קטנה נועם התורה** שע"י קהלתנו הק', והסיב לסעודת ראש חודש ביחד עם תלמידי הישיבה. במשך הסעודה נאמו: הר"י הרה"ג רבי **יואל גרובער** שליט"א, הבחור **אברהם משה קרויס** נ"ו, הרה"ג רבי **שלום דייטש** שליט"א ר"מ בישיבה. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש ודברי הדרכה לבחורי הישיבה. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את הבחור **אברהם משה קרויס** נ"ו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה פארציילט די וואך אין די פרשה, אז יצחק האט געהאט צוויי קינדער, יעקב מיט עשו. און די תורה פארציילט, ווי אזוי עס האט זיך אויסגעשטעלט, וואס עס איז געווארן פון עשו, און וואס עס איז געווארן פון יעקב. יעקב איז געווען א איש תם יושב אהלים, און עשו איז געווען א איש יודע ציד איש שדה.

**די** עצם זאך אליין איז א געוואלדיגער מוסר השכל פאר אונז. צוויי קינדער, ברודערס, וואס זענען אויפגעוואקסען אין די זעלבע שטוב. יעקב מיט עשו האבן געהאט די זעלבע הייליגע טאטע און מאמע, און עס איז אויסגעוואקסען צוויי קינדער, וואס לא הרי זה כהרי זה. יעקב איז געווען די העכסטע סארט קדושה, יעקב איז מובחר שבאבות, ער איז אויסגעוואקסען די העכסטע מדריגה צו וואס מען קען צוקומען. און פון די אנדערע זייט, איז אויסגעוואקסען אינעם זעלבן שטוב, אינעם זעלבן מקום איז אויסגעוואקסען א עשו, וואס עשו איז געווען דער מקור פון שלעכטס. אין **רמב"ם** (הל' תשובה ה-ב) שטייט, אז יעדער **מענטש האט א בחירה, יעדן איינעם האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט אז ער זאל זיך בוחר זיין, זיין וועג. אז ער וויל קען ער אויסוואקסען אזוי ווי משה רבינו, און אז ער וויל קען ער אויסוואקסען אזוי ווי ירבעם בן נבט.** די תורה לערנט אונז אין די פרשה, ווען די תורה וויל ארויסברענגען די ערשטע מאל ווי אזוי צוויי ברודער'ס האבן זיך צוטיילט, ברענגט די תורה אז יעקב איז אויסגעוואקסען אויף די עקסטרי"ם זייט, ווי א מענטש קען צוקומען צו די העכסטע קדושה, און עשו איז אויסגעוואקסען דאס פארקערטע.

**די** תורה לערנט אונז, אז **ווען מען איז א איש תם יושב אהלים, וואקסט מען אויס אזוי ווי יעקב אבינו. אבער אז מען איז א איש שדה, מען געפונט זיך נישט אין בית המדרש, מען דרייט זיך ארום אינדרויסען, איז נישט נאר אז עס פעלט אין תורה, נאר ער וואקסט אויס שפעטער אזוי ווי עשו. ער הרג'עט מענטשען, ער איז עובר אויף אלע עבירות שבתורה, אזוי ווי עשו איז אויסגעוואקסען.**

*

**די** תורה פארציילט, ויתרוצצו הבנים בקרבה, ותאמר אם כן למה זה אנכי (בראשית כה-כב). ויתרוצצו הבנים, יעקב און עשו האבן זיך געקריגט, אזוי ווי רש"י זאגט, ווען רבקה איז אדורכגעגאנגען ביי בתי מדרשות, איז יעקב מפרכס לצאת, און ביי בתי עבודה זרה, איז עשו מפרכס לצאת. און די וועלט פרעגט, מילא עשו איז מפרכס לצאת, ווייל במעי אמו האט ער נישט געקענט דינען עבודה זרה, האט ער געזוכט ארויסצוגיין. אבער עס שטייט אין גמרא (נדה ל:) אז א קינד במעי אמו לערנט מיט אים א מלאך כל התורה כולו, און ער קען די גאנצע תורה. עס איז נר דלוק על ראשו, ורואה מסוף העולם ועד סופו, געוואלדיגע מדריגות וואס א קינד האט, פאר ער קומט אראפ אויף דעם עולם. וואס איז אזוי שלעכט געווען פאר יעקב, אז ווען ער גייט נעבן א בית מדרש איז ער מפרכס לצאת, ער וויל ארויסגיין, ער וויל גיין אין בית מדרש, ער האט דאך א בית המדרש דארט וואו ער איז, און א מלאך וואס לערנט מיט אים תורה, און ער קען כל התורה כולה, ווען ער וועט ארויסגיין וועט ער פארגעסן די גאנצע תורה אין איין מינוט, און ער וועט דארפן אנהייבן פון אנפאנג, פארוואס איז ער מפרכס לצאת.

**די** וועלט זאגט, אז יעקב איז מוותר אויף די גאנצע תורה, ווי צו דארפן זיצען צוזאמען מיט א עשו. **ווען מען זיצט צוזאמען מיט א שלעכטן חבר, קען עס אראפפירן דעם גוטן חבר פונעם ריכטיגען וועג.** אז ער דארף זיצען מיט א עשו אין חדר, אפילו ער האט א מלאך וואס לערנט מיט אים, איז עס נישט כדאי, ער וויל ארויסגיין. - ב"ה דא איז כולם אהובים כולם ברורים, בחורים וואס זיצען און לערנען. אויף יעדן איינעם איז הכרת פניו ענתה

בו, ווי אזוי ער שטייגט אין תורה. איינער העלפט צו פארן צווייטען, און ח"ו קיינער איז נישט מגרע פונעם אנדערן. אבער יעקב און עשו, איז יעקב געווען מפרכס לצאת.

*

**אבער** די נקודה דערפון איז טיפער. די חשיבות פון תורה איז, יגיעת התורה, זיך פלאגן אויף לערנען. **דאס וואס א מענטש איז זוכה צו תורה ווייל ער האט א גוטע קאפ, און ער כאפט אויף שנעל, אין איין מינוט האט ער פארשטאנען וואס ער האט געלערנט, און עס קומט אים אן א יגיעה, דאס איז א שוואכע מדריגה אין תורה.** יגעת ומצאת תאמין (מגילה ו:) **ווען א מענטש פלאגט זיך אויף תורה, און נאכדעם געפונט ער, דעמאלטס איז ער זוכה צו כתרה של תורה. תורה ווערט נישט איינגעזאפט אין א מענטש, נאר ווען עס איז תורה מתוך הדחק, ווען די תורה איז געקומען מיט א פלאג, דעמאלטס קען מען זוכה זיין צו כתרה של תורה.** יעקב אבינו איז מוותר אויף א תורה וואס ער לערנט מיט א מלאך, אפילו ער זאל קענען כל התורה כולה, אבער ער האט זיך נישט געפלאגט דערויף, א מלאך לערנט מיט אים, און ער פארשטייט, און ער האט אזא אור וואס ער איז רואה מסוף העולם ועד סופו, אלעס זעהט ער, אלע מפרשים זענען פאר אים אפען, אלעס קען ער פון זיך אליין פארשטיין, אזא תורה האט אינגאנצן נישט א חשיבות ביי יעקב. און יעקב איז מפרכס לצאת, איך בין גרייט איבערצולאזן דעם מלאך, איבערצולאזן מיין ידיעה אין די תורה, איך וויל אנהייבן פון אנהייב. איך וויל ארויסקומען אויף די וועלט, איך וויל האבן א יצר הרע, איך וויל זיך פלאגן אויף תורה, און אזוי וועל איך אויסוואקסן און שטייגן.

**דאס** איז דער לימוד, וואס יעקב אבינו לערנט אונז. **עס איז נישט א חשיבות אז מען קען סוף וואך, צו מען קען די גאנצע מסכתא, נאר עס ווענט זיך וויפיל יגיעה מען האט אריינגעלייגט דערין. און די יגיעה פון איינעם וואס האט זיך געפלאגט דערויף, איז חשוב'ער אין ערוך פון איינעם וואס עס איז אים אנגעקומען גרינג. אפילו איינעם וואס דער אייבערשטער האט אים געבענטשט אז ער האט א גוטען קאפ, ער האט א גוטען זכרון, ער איז תופס שנעל, דארף ער וויסען אז נישט דארט ליגט זיין הצלחה. זיין הצלחה וועט ליגען, ווען ער וועט זיך מער מעמיק זיין, ווען ער וועט זיך דערפן פלאגן אויף א שווערע תוספות, אויף א שווערע מהרש"א, און אזוי ווייטער, דארט ליגט זיין הצלחה. דאס וואס דו לערנסט אפ די גמרא, און דו פארשטייסט עס גוט, דאס איז נישט א קונץ, דו האסט א גוטן קאפ, האסטו עס פארשטאנען. אבער ווען ער הייבט אן דארט ווי עס איז שווער, דארט ווי דו קענסט נישט אויסגראדן די שיטות, דו הייבסט אן זעהן אז דער ענין איז פארוויקעלט, דארט ליגט דיין הצלחה, דארט זאלסטו זיך אראפזעצן, און זיך נישט אויפשטעלן, ביז דו גייסט נישט אדורך קלאר, און זיך געפלאגט צו פארשטיין וואס מען האט געלערנט. ווייל די הצלחה איז נישט וואס א מענטש קען, נאר די הצלחה איז וויפיל יגיעה ער האט אריינגעלייגט, וויפיל ער האט זיך געפלאגט.** און יעקב איז מוותר אויף די תורה וואס ער האט געלערנט פון א מלאך, אפילו ער קען די גאנצע תורה, ווייל ער ארויסקומען אויף די וועלט און זיך פלאגען אויפן לערנען.

*

**ביי** עשו שטייט, אז ער איז געווען א 'איש יודע ציד', ער האט געקענט פאנגען, צו ער האט געקענט נארן און אויספאפן יצחק. 'איש שדה', ער איז געווען א פעלד מענטש. אבער יעקב איז געווען א 'איש תם יושב אהלים', ער איז געזעסן באהלה של תורה, און ער האט שטענדיג געלערנט. דער **חתם סופר** (קו. ד"ה ויגדלו) שטעלט זיך, פארוואס ביי עשו שטייט צוויי מאל 'איש', און ביי יעקב שטייט נאר איינמאל. עשו איז געווען א 'איש' יודע ציד, 'איש' שדה, און יעקב איז געווען 'איש' תם יושב אהלים, עס שטייט איין מאל 'איש'. וואס איז דער טעם דערפון.

**רש"י** (כה-כז) זאגט, יודע ציד, ער האט געקענט נארן יצחק אבינו, ער האט געפרעגט אזעלכע שאלות, אז ער זאל אויסקוקען ווי א תלמיד חכם. ווען ער איז געקומען אין בית המדרש האט ער זיך געוויזען ווי א ערליכער, ווי א תלמיד חכם, ער וויל געפעלן פאר יצחק. עשו איז געווען א איש יודע ציד, ער האט געוואוסט ווי אזוי מען קען אפנארן דעם יצחק.

**עס** קען זיין, די גמרא (פסחים פח.) זאגט, אז אברהם אבינו האט אנגערופן דעם בית המקדש מיטן נאמען הר, יצחק קראו שדה, און יעקב קראו בית. קומט אויס אז יצחק ווערט אנגערופן איש שדה, ווייל ער האט אנגערופן דעם בית המקדש 'שדה'. די תורה זאגט נאר איינמאל אויף עשו אז ער איז געווען א 'איש', ער איז געווען א 'איש יודע ציד', ער האט געוואוסט ווי אזוי מען קען נארן. און ווען האט ער גענארט, דעם 'איש שדה', דעם יצחק וואס איז א איש שדה, ווייל ער האט אנגערופן דעם מקום המקדש מיטן נאמען שדה. עשו איז געווען א איש יודע ציד, ער האט געוואוסט ווי אזוי מען קען נארן דעם איש שדה. און יעקב איז געווען א איש תם יושב אהלים.

*

**עס קען זיין דער ענין דערפון אביסל אנדערש. עס איז דא אמאל א בחור וואס געפונט זיך אין ישיבה, וואס ער וויל געפעלן פאר די חברים, ער וויל געפעלן פארן מגיד שיעור, לערנט ער פלייסיג, און ער דאווענט ערליך, ער זוכט אז ער זאל זיך נישט קריגען מיט קיינעם, ער וויל האבן א גוטן נאמען. און עס איז אשרי חלקו, עס איז גוט, אפילו ער טוט עס שלא לשמה, ווייל מתוך שלא לשמה בא לשמה** (סוטה כב:)**. אבער אסאך מאל ווען ער גייט ארויס פון בית המדרש איז שוין נישטא די זעלבע התמדת התורה ווי עס איז געווען אין בית המדרש. ווען ער קומט אהיים, ער האט צייט א לאנגען שבת, צו א לאנגען פרייטאג וכדומה, קען ער אפזיצען שעות און נישט עפענען א ספר. ווען עס קומט זיך אויסצוקומען מיט די ברודערס און שוועסטערס וכדומה, קען מען נישט מיט אים אדורכקומען. ער איז אלץ א עומד על דעתו, ער קריגט זיך, ער איז גאר א אנדערער סארט בחור ווי ווען ער איז אין ישיבה. ווען טאטע און מאמע זאגען עפעס, מיינט עס גארנישט, ער פאלגט נישט ווי עס דארף צו זיין. און אסאך מאל פרעגן עלטערן, ווי אזוי איז ער אין ישיבה, זאגט מען אז אין ישיבה איז ער זייער פיין, ער לערנט, און ער קומט זיך אויס מיט יעדן איינעם. ווייל דארט האט ער א סיבה פארוואס ער טוט עס, אבער אין דערהיים האט ער נישט די סיבה.**

**עשו** איז געווען בעצם א צוויי סארט'דיגער מענטש. ער איז געווען א אנדערער מענטש ווען ער איז געקומען אין די חברותא פון יצחק, דארט האט ער זיך אראפגעשטעלט ווי א תלמיד חכם וואס זיצט און לערנט, און ער האט מפלפל געווען אין לערנען. אבער ווען ער איז ארויס פון בית המדרש, איז ער געווען א אנדערע מענטש. ער הרג'ט און רצח'ט, ער גנב'ט, ער טוט וואס מען טאר נישט. ער איז געווען א אנדערער סארט מענטש אין שטוב, און א אנדערער סארט מענטש ווען ער איז געווען אינדרויסן. ויהי עשו, עשו איז געווען, איש יודע ציד, ווען ער איז געווען ביי יצחק איז ער געווען א איש וואס האט געוואוסט ווי אזוי מען נארט דעם יצחק, ער האט זיך געקענט אהערשטעלן פאר דעם יצחק ווי א תלמיד חכם, און פון די אנדערע זייט, ווען ער איז ארויסגעגאנגען אויפן פעלד, איז ער געווען א איש שדה, עס איז נישט די זעלבע איש. אין שטוב איז ער געווען איין סארט איש, און אינדרויסן איז ער געווען א אנדערער סארט איש.

**יעקב** אבינו איז אבער געווען איש תם יושב אהלים. 'איש תם' איז טייטש, אז ער איז גאנץ, אייביג איז ער די זעלבע. ער טוישט זיך נישט, איינמאל אזוי און איינמאל אזוי. 'יושב אהלים', אין וועלכע אהל ער איז געווען, איז ער אלץ געווען דער זעלבער איש תם. דאס איז די מדריגה פון יעקב אבינו, און דאס לערנט אונז די תורה ווי אזוי א יוד דארף זיך צו פירן. **א יוד דארף זיך צו פירן אויפן זעלבען וועג ווי ער איז על פתחי בית המדרש, ווי אזוי ער פירט זיך צווישן זיינע חברים, אזוי דארף ער אויסזעהן אינדרויסן. ווען עס קומט א בין הזמנים, ווען עס קומט א בין הסדרים, ווען עס קומט צווישן סוף פון די וואך און אנהייב פון די וואך, צייטן וואס מען איז נישט אין בית המדרש, דארף מען זיין די זעלבע. עס קומט אסאך מאל אויס, אז אין ישיבה דאווענט ער פיין, ער דאווענט פון אנהייב ביז צום סוף, ער דאווענט הויך. און ווען מען קוקט ווי אזוי ער דאווענט זונטאג, צו ווען ער דאווענט ווען ער איז נישט אין ישיבה, איז עס גארנישט די זעלבע סארט דאווענען, עס איז נישט די זעלבע. דאס איז א עשו.** דאס איז א איש יודע ציד איש שדה, דאס איז א אנדערער איש דא, און א אנדערער איש דארט. יעקב איז א 'איש תם',

אייביג איז ער די זעלבע, 'יושב אהלים', אין וועלכען אהל ער איז, וועט ער אייביג דאווענען די זעלבע, און אייביג רעדן די זעלבע, ער וועט זיין מיט די זעלבע איידלקייט סיי ווען ער איז אין בית המדרש, און סיי ווען ער איז אינדרויסן. דאס איז די מדה וואס מען דארף זיך אראפלערנען פון יעקב אבינו.

*

**און** דער אייבערשטער האט עס באצאלט פאר יעקב. עשו האט געמאכט א חשבון, דער טאטע יצחק איז א גרויסער עושר, זבל פרדותיו פון יצחק, ולא כספו וזהבו של אבימלך (רש"י כו-יג), און ער איז דער בכור, און ער וויל לייגען א האנט אויפן טאטענס געלט, אז נאך הונדערט און צוואנציג יאר זאל ער קענען צונעמען אלעס, האט ער א גאנצע צייט געזוכט ווי אזוי ער קען געפעלן פארן טאטע'ן. ער האט דאך מורא געהאט, אז אויב ער וועט נישט געפעלן פארן טאטע, וועט ער אים נישט איבערלאזן די ירושה וכדומה. האט ער געזוכט ווי אזוי מען קען נארן דעם פאטער, אז ער איז אויך א וואוילער יוד, איז ער געווען א איש יודע ציד, ער האט געוואוסט ווי אזוי מען קען נארן דעם פאטער. און ער נארט דעם פאטער, צען יאר, צוואנציג יאר, דרייסיג יאר, פופציג יאר, אלעס כדי ער זאל באקומען די ירושה, און די ברכות וואס דער טאטע וועט אים בענטשען. אבער ווען עס קומט אן די גוטע מינוט, ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראות, און יעצט גייט קומען א גוטע ברכה, וואס עשו האט שוין אויף דעם געווארט. ער האט שוין אזויפיל יארן גענארט דעם טאטען, כדי ער זאל קענען צוקומען דערצו, און אין די לעצטע מינוט האט עס רבקה געהערט, און ווען ער גייט ארויס אינדרויסן, קומט יעקב אריין, און אין איין מינוט האט ער צוגענומען פון אים די ברכות. און עס איז נישט קיין חידוש נאכדעם, אז עשו באוויינט זיינע יארן. עשו איז אלט געווען דריי און זעכציג יאר דעמאלטס, איך פלאג זיך שוין איבער זעכציג יאר, אז איך זאל שטעלן א שיינעם פנים פארן טאטען, כדי איך זאל באקומען אלע ברכות, קוקסט וואס ער האט מיר געטון דא דער יעקב, ער האט עס מיר צוגענומען.

**פארוואס** איז עס אזוי, ווייל די תורה וויל אונז לערנען, כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ (אבות ג-ה). ווען איינער איז מקבל אויף זיך עול תורה, וועט ער קיינמאל נישט קיין שאדן האבן. דער באשעפער וועט אים אלעס משלים זיין. אפילו עס קוקט אסאך מאל אויס, אז ער איז א איש תם יושב אהלים, ער זיצט אין בית המדרש און ער באדינט נישט דעם פאטער, און דער פאטער וועט האבן מער געפילן צו יצחק, דער אייבערשטער גיט זיך א עצה. ווען איינער איז מקבל אויף זיך עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ, באצאלט אים דער באשעפער. עשו האט פורק געווען עול תורה, ער האט געמיינט אז ווען ער וועט פורק זיין עול תורה, וועט ער קענען נאכדעם באקומען די ברכות אויך, מעבירין ממנו, האט מען עס צוגענומען פון אים. **די תורה לערנט אונז, אז ווען א יוד גייט אויפן ריכטיגען וועג, ער לערנט פלייסיג, און ער פירט זיך אויף ערליך, ווען ער קיינמאל נישט קיין שאדן האבן. דער באשעפער וועט אים באצאלן, אפילו עס קוקט אסאך מאל אויס ווי ער האט א געוויסע שאדן דורך דעם וואס ער פירט זיך אויף ערליך, יש כמה דרכים למקום ווי אזוי דער אייבערשטער וועט עס באצאלען.**

**מען** גייט אריין אין א נייעם חודש, עס איז א חודש פון נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג), די גמרא (בבא בתרא כה:) זאגט דאך, אז הרוצה שיחכים ידרים, וסימנך מנורה בדרום, מנורה ווייזט אויף חכמה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען אויסנוצן די צייט, צו זיצען און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, און אויסוואקסען א איש תם יושב אהלים. וואו מען איז, און וואו מען שטייט, זאל מען זיין דער זעלבער סארט יוד, אזוי ווי מען איז אין בית המדרש. געדענקען די חשיבות פון יעקב, אז יעקב איז מוותר צו לערנען מיט א מלאך, צו קענען כל התורה כולה, ווייל ער וויל זיך פלאגען אויף תורה. און אז מען פלאגט זיך אויף תורה, דארט ליגט די ברכה. און אויף דעם איז יעקב געווען מפרכס לצאת, כדי ער זאל זוכה זיין צו עמלה של תורה. ב"ה מען באקומט אזעלכע שיינע גריסן פון דעם ראש ישיבה, מיט די מגידי שיעור, וואס לייגען אריין אזעלכע כוחות אין די בחורים, און די בחורים זענען כלים וואס זענען מקבל, זאל זיי דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז מען

זאל קענען לערנען פלייסיג, און שטייגען אין תורה און יראת שמים און עבודת ה'. מען זאל זיין כלים וואס זאלן קענען מקבל זיין אזויפיל גוטס וואס מען לייגט אריין. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר הסעודה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **משה חיים בערקאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שמואל פריינד** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***יום חמישי פרשת תולדות – ראש חודש כסלו***

תפלת שחרית התפלל **רבינו שליט"א** בהיכל הישיבה גדולה, ביחד עם תלמידי הישיבה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של בן הר"ר **יוסף זונדל ביניק** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שלמה זלמן קאלמאן** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שמחה ראזענפעלד** הי"ו.

בשעות הלילה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת מרת גרינפעלד ע"ה (אלמנת הר"ר **יצחק גרינפעלד** ע"ה), ואצל משפחת הרה"ג רבי **משה יהודא לייב ליבערמאן** ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יהושע גליק** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

***יום שישי פרשת תולדות***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **יהושע גליק** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת תולדות***

**רבינו שליט"א** שבת על שבת קודש בבארא פארק. תפלת מנחה וקבלת שבת התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו זכרון יהודא. **רבינו שליט"א** עבר לפני התיבה לתפלת מנחה.

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** הבאטע בבית מדרשנו זכרון יהודא. בין המשתתפים היו **הגה"צ אב"ד שומרי שבת שליט"א, הגה"צ אב"ד יאקע שליט"א, הרה"ג אב"ד מאקאווא שליט"א**. בין הזמירות והניגונים השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ הביהמ"ד.

ביום שבת קודש התפלל **רבינו שליט"א** בהיכל בית מדרשנו הגדול. - אחר התפלה הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל אחיו **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א**.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל הולדת הבת אצל הר"ר **יוסף באדאנסקי** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש פרעשבורג. ואצל הקידושא רבא לרגל הבאווארפן של בן **הרה"ג אב"ד נירבאטור שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש נירבאטור.

תפלת מנחה וסעודה שלישית נערך בבית מדרשנו ברכת אברהם. **רבינו שליט"א** השמיע דברי דרוש ואגדה לבאר מעשה אבות בעניני הפרשה. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי יצחק זלמן גיפס שליט"א** דומ"ץ הביהמ"ד.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן ש"ב הרה"ג רבי **אהרן כ"ץ** שליט"א (בן כ"ק הגה"צ מתולדות אהרן שליט"א, וחתן כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א), שהתקיים בבית המדרש פאפא.